**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/27/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף 76 יוניטס אין אן אפאָרדעבעל האוזינג דעוועלאפמענט אין יאנקערס**

***The St. Clair* *וועט ברענגען אפאָרדעבעל היימער און קאמערציעלע פלאץ צו די יאנקערס שטאט-צענטער נעבן מעטראָו נארט באן סטאנציע***

***גאר ענערגיע-שפארזאמע, פולשטענדיג-עלעקטרישע געביידע איז געשאנקען געווארן א גרענט אלס טייל פון סטעיט'ס ריינע ענערגיע איניציאטיוו***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף 76 אפאָרדעבעל אפארטמענטס און קאמערציעלע שטח אין די שטאט-צענטער פון יאנקערס אלס טייל פון די סטעיט'ס באמיאונגען צו פארברייטערן האוזינג געלעגנהייטן נעבן MTA טראנספארטאציע צענטערן. גערופן "The St. Clair", וועט די דעוועלאפמענט זיין אונטערגעבויגן אונטער די העכסטע ענווייראמענטאלע סטאנדארטן אלס טייל פון די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט'ס (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) "ריינע ענערגיע איניציאטיוו" – א הויפט באשטאנדטייל פון די גאווערנער'ס ריינע ענערגיע אגענדע.

"The St. Clair איז א באווייז אז מיר קענען ארבעטן האנט ביי האנט מיט אונזערע לאקאלע שותפים צו בויען הייזער וועלכע זענען אפאָרדעבעל, פריינטליך צו די ענווייראמענט און וועלכע פארבינדן ניו יארקער מיט דזשאבס, סקולס, דאקטוירים און צו די סערוויסעס וואס זיי דארפן צו קענען בליהען", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזער אנגייענדע אינוועסטירונג אין יאנקערס'ס ווידער-אויפשטייג ערלויבט מער מענטשן צו אויסנוצן אלעס וואס די שטאט האט צו אפפערן, און עס שטרייכט אונטער אונזער פארפליכטונג צו טראנספארטאציע-צענטרירטע, סטראטעגישע האוזינג וואוקס וואס פארשטערקערט קאמיוניטיס און העלפט באקעמפן קלימאט טויש."

The St. Clair איז אויך טייל פון גאווערנער האקול'ס 25 ביליאן דאלארדיגע ברייטע האוזינג פלאן וואס וועט אויפבויען אדער אויפהאלטן 100,000 היימער פאר צוגענגליכע פרייזן אריבער ניו יארק, אריינרעכענענדיג 10,000 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען, און אזוי אויך דאס אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט.

די דעוועלאפמענט איז בלויז א קורצע שפאציר אוועק פון די MTA מעטראָו נאָרט באן סטאנציע און די וועסטשעסטער Bee-Line באס סיסטעם, און עס וועט אפפערן א דזשים, א קאמיוניטי צימער און א דרויסנדיגע דעק אויפן דאך.

The St. Clair איז דעוועלאָפּט געוואָרן דורך MacQuesten Development, LLC און עס וועט זיין גענוג ביליג פאר פאמיליעס וועלכע פארדינען 80 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט.

סטעיט פינאנצירונג פאר די 60 מיליאן דאלארדיגע דעוועלאפמענט רעכנט אריין 8.4 מיליאן דאלאר אין פערמאנענטע באנדס וואס זענען פטור פון טעקס, 25.2 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע און סטעיט נידעריגע-איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס און 10.6 מיליאן דאלאר אין סאָבסידיס פון די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR). די קאנסטרוקציע איז נאכגעקומען די פארלאנגען פון די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג'ס (Department of Environmental Conservation, DEC) ערפאלגרייכער 'פארפעסטיגטע שטחים רייניגונג פראגראם' (Brownfield Cleanup Program), וואס איז ערווארטעט צו פירן דערצו אז 9.7 מיליאן דאלאר אין טעקס קרעדיטס זאלן ארויסגעגעבן ווערן דורך די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון שטייערן און פינאנץ (Department of Tax and Finance). די סיטי אָוו יאנקערס האט געשאנקען 1.1 מיליאן דאלאר אין HOME געלטער און די וועסטשעסטער קאונטי דעפארטמענט פון פלאנירונג האט געשאנקען 1.5 מיליאן דאלאר אין געלטער פון דעם 'אמעריקאנער רעטונג פלאן געזעץ' ( American Rescue Plan Act).

אין צוגאב איז די פולשטענדיג-עלעקטרישע געביידע געשאנקען געווארן $418,000 פון NYSERDA'ס ריינע ענערגיע אינציאטיוו וואס ארבעט צו ארויפשטעלן ניו יארק אויף די רעלסן צו נאכקומען די ציהל פון דעם 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' ( Climate Leadership and Community Protection Act) צו אנקומען צו אן 85 פראצענטיגע רעדוקציע אין שעדליכע גאז עמיסיעס ביז 2050. די געביידע קומט מיט ריינע ענערגיע און ענערגיע-שפארזאמע אייגנשאפטן, צום ביישפיל פולשטענדיג-עלעקטרישע אפלייענסעס אריינרעכענענדיג היט פאמפס פאר הייצונג און קילונג, אינסולירן די געביידע צו רעדוצירן פארלוסט פון היץ און וואסער-שפארנדע פלאמבינג איינריכטונגען.

אין די לעצטע פינף יאר האט HCR אויפגעבויט אדער פרעזערווירט 1,266 אפּאָרדעבעל היימער אין די סיטי אָוו יאנקערס.

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "The St. Clair ערזעצט א שטח וואס שטייט שוין לאנג ליידיג אין די שטאט-צענטער פון יאנקערס מיט א פולשטענדיג-עלעקטרישע דעוועלאפמענט פאר אויסגעמישטע צוועקן וואס וועט פונדאסנייַ אויפלעבן די מעין סטריט געגנט מיט 76 נייע אפארטמענטס און פלאץ פאר ריטעיל געשעפטן אויף די אונטערשטע שטאק. צוקונפטיגע איינוואוינער וועלן געניסן פון א געזונטע סביבה צו וואוינען, גרינגע צוטריט צו באנען און באס טראנספארטאציע און געוואלדיג גוטע באקוועמליכקייטן. אויפווייזנדיג נאכאמאל אז אפּאָרדעבעל האוזינג איז א געוואלדיגע אוצר פאר פאמיליעס און קאמיוניטיס, גראטולירן מיר MacQuesten Development און אונזערע לאקאלע רעגירונג שותפים פארן אנקומען צו די דערגרייכונג."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט לייגט ניו יארק סטעיט אלס פריאריטעט צו מאכן אינוועסטירונגען אין פראיעקטן וועלכע פארזיכערן א הויכע קוואליטעט פון לעבן פאר ניו יארקער בשעת'ן אונז ברענגען נאענטער צו עמטליך עלימינירן די סטעיט'ס באנוץ מיט קארבאן. איינמאל עס וועט זיין פארענדיגט וועט The St. Clair ארויסווייזן וויאזוי געזונטערע און אפּאָרדעבעל וואוינונגען קענען באַרייכערן קאמיוניטיס, פארמערן די באקוועמליכקייט פאר טענאנטס און העלפן רעדוצירן שעדליכע עמיסיעס פאר פילע דורות אין די צוקונפט דורכן אריינבויען וועטער-אינסולעישען און ענערגיע-שפארזאמע אייגנשאפטן און אזוי אויך פולשטענדיג-עלעקטרישע אפלייענסעס און עלעקטרישע היט פאמפ הייצונג און קילונג סיסטעמען."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "דאס איז נאך א ביישפיל פון די DEC'ס ערפאלגרייכער 'פארפעסטיגטע שטחים רייניגונג פראגראם' ביים ארבעט. די נייע האוזינג יוניטס און קאמערציעלע לאקאציעס וועלן ברענגען זיכערע, גרינע און אפאָרדעבעל פלעצער פאר יאנקערס איינוואוינער, און זיי זענען נאך א טריט אויף פאראויס אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט צו אויפלעבן און אויפרייניגן קאמיוניטיס אריבער די סטעיט."

**קאנגרעסמאן דזשאמאל באומען האט געזאגט,** "שטייענדיג קעגן א האוזינג קריזיס אין ניו יארק, מוזן מיר נעמען די צייט צו אינוועסטירן אין גרינע און אפאָרדעבעל דעוועלאפמענטס פון א הויכע קוואליטעט כדי צו זיכער מאכן אז פאמיליעס פון די ארבייטער קלאס דארפן נישט מאכן קיין אויסערגעווענטליכע וויתורים כדי צו קענען בלייבן מיט א דאך איבערן קאפ. דער פראיעקט איז א וויכטיגע טריט אין די ריכטונג פון אדרעסירן די האוזינג אפארדעביליטי קריזיס אין יאנקערס בשעת'ן שטיין אין שפיץ פונעם וועג אין אונזער אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע. מיר קענען דעוועלאפּען אפאָרדעבעל האוזינג און באשיצן אונזער פלאנעט אין דעם זעלבן צייט, און דאס איז גענוי וואס גאווערנער האקול'ס דעוועלאפמענט וועט טוהן."

**מאיאריטעט פירערין ענדריע סטוערט-קאָזינס האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו האבן געהאלפן פארזיכערן די פינאנצירונג און צו פארזעצן מיט אונזער פארפליכטונג צו פאראויס שטופן אפאָרדעבעל האוזינג אריבער ניו יארק סטעיט. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פארן פארזעצן צו אינוועסטירן אין אפאָרדעבעל האוזינג אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט און פארן פארשטיין די וויכטיגקייט פון אונזערע שטאט-צענטער קאמיוניטיס. The St. Clair איז אן אינוועסטירונג אין אונזערע מענטשן און קאמיוניטי וואס וועט העלפן יאנקערס בליהען אזוי ווי מיר רוקן זיך אין ריכטונג פון א מער טראנספארטאציע-אריענטירטע צוקונפט, בשעת'ן אויך נאכקומען די אגרעסיווע ריינע-ענערגיע ציהלן וועלכע זענען אוועקגעשטעלט געווארן אין דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ."

**אסעמבלי מיטגליד דזש. גערי פרעטלאו האט געזאגט,** "די קאנסטרוקציע און שפעטערע עפענונג פון St. Clair אין יאנקערס וועט זיכער זיין אן אינוועסטירונג וואס אדרעסירט די נויט פאר אונזערע פאמיליעס מיט נידעריג-ביז-מיטלמעסיגע איינקונפט צו האבן צוטריט צו זיכערע און סטאביע הייזער. עס דערפרייידט מיך צו שטיצן דעם פראיעקט אזוי ווי עס וועט שפילן א ראלע ביים רעדוצירן היימלאזיגקייט און שטיצן אונזערע מערסטע עמפינדליכע באפעלקערונגען."

**וועסטשעסטער קאונטי עקזעקיוטיוו דזשארדזש לאטימער האט געזאגט,** "אין וועסטשעסטער קאונטי האבן מיר דאס געמאכט פאר א פריאריטעט צו העלפן פארווירקליכן ווי מער אפאָרדעבעל האוזינג יוניטס כדי צו אדרעסירן דעם האוזינג קריזיס קעגן וועלכע מיר שטייען אלע. דאס איז א צייט פאר שעפערישע לייזונגען און צוזאמענארבעטנדע רעגירונג באמיאונגען צו אמבעסטן דינען איינוואוינער וועם מיר זענען ערוויילט געווארן צו דינען. מיר סאלוטירן פאר MacQuesten Development פאר זייער עפעקטיווע ארבעט אין די אפאָרדעבעל האוזינג אינדוסטריע, און איך באדאנק גאווערנער קעטי האקול פאר איר פירערשאפט ביים אויסברייטערן האוזינג געלעגנהייטן אריבער גאנץ וועסטשעסטער קאונטי און די גאנצע סטעיט."

**יאנקערס מעיאר מייק ספענאו האט געזאגט,** "יאנקערס זעצט פאר צו שטיין אין שפיץ פון וועסטשעסטער קאונטי ביים צושטעלן ביליגערע האוזינג פון א הויכע קוואליטעט מיט גלייכע געלעגנהייטן און וואס איז אריינגעמיג. א דאנק די שטיצע פון אונזערע פעדעראלע און לאקאלע שותפים, לייגט St. Clair צו צו אונזער וואקסנדע צאל הייזער מאדערנע, צוגענגליכע און ענווייראמענט-פריינטליכע באקוועמליכקייטן צו באדינען אונזער וואקסנדע שטאט. מיר קוקן ארויס צו ווארעם אויפנעמען נייע איינוואוינער צו אונזער וואסער ברעגע."

**CEO פון MacQuesten Development, LLC, רעלא פאגליאנאָו, האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר אז MacQuesten Development איז געגעבן געווארן נאך א געלעגנהייט צו זיין א שותף מיט ניו יארק סטעיט, וועסטשעסטער קאונטי און די סיטי אָוו יאנקערס אויף די באדייטנדע אפאָרדעבעל האוזינג דעוועלאפמענט. דער פראיעקט איז א געוואלדיגעביישפיל פון וויאזוי שותפות'ן צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן דינען צו פארשטערקערן די סחורה פון וואס א קאמיוניטי איז אויפגעבויט. איך בין זייער שטאלץ מיט די וועג וויאזוי MacQuesten איז געווען א פירער אין טראנספארטאציע-אריענטירטע דעוועלאפמענט, ריינע ענערגיע איניציאטיוון און די באנוץ מיט ריינע ענערגיע קוועלער אין אונזערע דעוועלאפמענטס."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן